מצות ומע״ט)[20] בצער יולדת בריות״, ביז אַז ער קומט צו צו מרחב העצמי, „במקום שבעלי תשובה עומדים צדי־קים גמורים אין יכולים לעמוד שם״[21]).

(משיחת י״ב תמוז תשי״ז)

20) ב״ר פ״ל, ו.

21) ברכות לד, ב. וראה סה״מ ה׳תש״ט ע׳ 183 בהערה.

# בהעלותך

א. די גמרא אין יומא[1]) פרעגט: „כתיב[2]) וברדת הטל על המחנה לילה ירד המן עליו (און ווען דער טל ני־דערט אַראָפּ אויף דער מחנה ביינאַכט טוט דער מן אַראָפּנידערן אויף אים — איז משמע אַז דער מן איז אַראָפּגע־קומען אין דער מחנה); וכתיב[3]) ויצא העם ולקטו (און דער פאָלק איז אַרויס־געגאַנגען און געקליבן — וואָס יציאה איז משמע, אַז זיי האָבן געדאַרפט אַרויסגיין מחוץ למחנה צו קלייבן דעם מן); וכתיב[4]) שטו העם ולקטו (וואָס „שטו״ מיינט אַז זיי האָבן געדאַרפט גיין צו אַ ווייטן אָרט בכדי צו קלייבן דעם מן) הא כיצד״ (ווי שטימען עס אַלע דריי זאַכן)? און די גמרא ענט־פערט, אַז די דריי לשונות ריידן וועגן דריי באַזונדערע סוגים פון אידן: „צדיקים ירד על פתח בתיהם, בינונים יצאו ולקטו, רשעים שטו ולקטו״ (פאַר צדיקים איז דער מן געפאַלן ביי דער טיר פון זייערע הייזער, בינונים זיינען אַרויס אויסער דער מחנה צוליב דעם מן און רשעים האָבן געדאַרפט גיין נאָך ווייטער). און אַזוי איז אויך די גמרא דאָרט[1]) מבאר די דריי לשונות „לחם״, „עוגות״, און „וטחנו״: פאַר צדיקים איז דער מן שוין געווען ווי געבאַקטער ברויט („לחם״); בינונים האָבן דעם מן גע־דאַרפט באַקן („עוגות״); און רשעים האָבן געדאַרפט אָנהייבן פון מאָלן („וטחנו בריחים״).

ב. דער מן ווערט אין דער תורה באַצייכנט מיטן נאָמען „לחם מן הש־מים״[2]) אָדער „דגן שמים״[5]). דערפאַר זיינען פאַראַן דעות אין ראשונים[6]) אַז די ברכה וואָס די אידן פלעגן מאַכן אויפן מן, איז געווען „המוציא לחם מן השמים״.

דער חילוק צווישן לחם מן השמים און לחם מן הארץ איז: לחם מן הארץ פאָדערט פיל אַרבעט און פאַרשידענע מלאכות ביז ער ווערט ראוי צו עסן, ווי די גמרא[7]) זאָגט: „תנא סידורא דפת נקט״, מען דאַרף אַקערן, זייען א.א.וו. און נאָך דעם אַלעמען איז עס ערשט אַ לחם וואָס האָט אין זיך

1) עה, א.

2) במדבר יא, ט.

3) שמות טז, ד.

4) במדבר יא, ח.

5) תהלים עח, כד.

6) רמ״ע מפאנו בס׳ מאמר שבתות ה׳ (ח״ב בתחלתו בהמשך דבריו ע״ד הסעודה דלעת״ל) שכן יברכו אז על המן (השמור בצנצנת). ובס׳ חסידים (הוצאת מק״ן) סי׳ תתתת״מ: על המן היו מברכים הנותן לחם מן השמים (וראה סה״מ מלוקט ח״א ע׳ רלט הערה 49). — ובכ״מ מבואר שהיו מברכים עוד לפני דהמע״ה (שתיקן ק׳ ברכות, במדב״ר פי״ח, כא. הובא בשו״ע אדה״ז רסמ״ו) וראה לקו״ת לג״פ רד״ה להבין ענין הברכות (אוה״ת בראשית כרך ג תקנא, א).

7) שבת עד, ב.

פסולת; אַנדערש איז אָבער דער לחם מן השמים; ביי אים האָט מען ניט געדאַרפט האָבן די אַלע מלאכות[8], אויך איז אין אים גאָר קיין פסולת ניט געווען[9]. און אָט דער לחם מן השמים איז געווען אַ שפייז ניט נאָר פאַר צדיקים, נאָר אויך פאַר בינונים — ניט דוקא אַזאַ מדריגה וואָס ווערט אין תניא[10]) אָנגערופן בינוני, נאָר אויך אַ בינוני כפשוטו, מחצה זכיות ומחצה עוונות — און אפילו פאַר די וועלכע זיינען נאָך אין אַ נידעריקערע מדריגה ווי אַ בינוני כפשוטו — פאַר רשעים.

און דער אופן ווי דער מן איז געווען אַ מזון אויך פאַר רשעים, איז אַז „לא הי׳ בו פסולת": ניט אַז דורך זייער עסן איז דער מן פאַרענדערט געוואָרן און אַנגעוואָרן זיין מעלה, נאָר אויך ווערנדיק אַ טייל פון זייער דם ובשר איז דער מן פאַרבליבן אין זיין מעלה. נאָך מערער: ניט נאָר איז דער מן דורך דעם עסן פון די רשעים (אַפילו אַזאַ וואָס האָט מיט זיך גע־טראָגן דעם פסל מיכה)[11]) ניט נשתנה געוואָרן, און איז פאַרבליבן במהותו ובמעלתו, נאָר מצד דעם וואָס פאַר־בלייבנדיק במעלתו איז דער מן אַריין צו זיי אין אַ פנימיות, האָט ער גע־פועל׳ט אין זיי אַ זיכוך. וכמארז״ל[12]):

„לא ניתנה תורה לדרוש אלא לאוכלי המן", אַז דורך זייער עסן דעם מן זיינען די אידן געוואָרן ראוי צו קבלת ודרשת התורה; די פעולה פון מן איז געווען אין די אַלע סוגים פון ששים רבוא אידן, וואָרום יעדערער פון זיי האָט דאָך מקבל געווען די תורה, און יעדערער פון זיי האָט אַ חלק אין פשט, רמז, דרוש און סוד פון תורה[13]).

הגם אַז אויך נאָכן עסן דעם מן זיינען די רשעים פאַרבליבן ווי געווען, און ס׳האָט זיי ניט באַווירקט צו טאָן תשובה באַלד אויפן אָרט — וואָס דערפאַר איז אויך שפּעטער ביי אַ טייל אידן געווען דער סדר פון טחנו דכו ובשלו[14]), זיי האָבן געדאַרפט האָבן טרחה ביים צוגרייטן דעם מן צום עסן, און אויך דער „וינסו אותי זה עשר פעמים"[15]) איז טיילווייז געווען נאָך דער אכילה פון מן[16]) — מיינט עס אַז דער מן האָט נאָך דאַן אין זיי ניט גע׳פועל׳ט דעם זיכוך בשלימות, אָבער געוויס האָט ער זייענדיק אַן ענין שכולו טוב עפּעס אַן „עגבער געטאָן", און סוף־כל־סוף, כשנתקיים היעוד און דער זיכוך איז נשלם געוואָרן, האָט אויך די אכילה געהאַט אַ חלק אין דעם.

---

8) וגם אלו שהוצרך להיות טחנו דכו ובשלו (ראה להלן הערה 14), אין זה בדומה כלל להטרחות שבלחם מן הארץ.

9) יומא עה, ב.

10) פי״ב.

11) שעבר עמהם עוד בים סוף (סנה׳ קג, ב. ועיין פסחים קיז, א).

12) מכילתא שמות טז, ד. יל״ש שם. ועייג״כ לקו״ת עקב (יד, ב) שהמן הוא בחי׳ משה שקיבל התורה, ולכן כתיב בי׳ ולא ידעון אבותיך, שהאבות היו קודם מ״ת. ובקיצורים שם (טז, ב): הי׳ זה המזון של דור דיעה שקיבלו התורה.

13) ש׳ הגלגולים הקדמה יז. ש׳ המצות בתחלתו. וראה ג״כ הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״א ס״ד.

14) עיין זח״ב (סב, סע״ב) ות״ז (בסופו סוף ת״ג) שגם דכו גו׳ שייך לרשעים. ויש ליישב אשר בזה (משא״כ בפי׳ שטו גו׳) לא פליג על הש״ס (יומא עה, א). ובד״ה אר״ע (המשך תרס״ו) הביא דוקא ורק — דכו.

15) במדבר יד, כב.

16) ראה ערכין טו, א. מפרשי המשנה אבות פ״ה מ״ד.

ג. לויט דעם וועט מען אויך פאַרשטיין וואָס עס שטייט אין ספר העיתים [17]) בשם הרס"ג, אַז בשעת מען געפינט זיך שבת אין אַ דרך רחוקה און מען ווייסט ניט וועלכע פרשה צו לייענען דעם שבת, זאָל מען לייענען פרשת המן, וואָס י"א דעם טעם ווייל פרשת המן נאמרה בשבת [*17]). ולכאורה, זיינען דאָך פאַראַן כמה פרשיות פון תורה וועלכע זיינען געזאָגט געוואָרן אום שבת, „ודכולי עלמא בשבת ניתנה תורה" [18]), — קען מען דאָך לייענען די עשרת הדברות. וואָס איז דער טעם וואָס מען דאַרף לייענען דוקא פרשת המן [*18])?

אָבער לויט ווי פריער גערעדט, אַז דער מן האָט ניט אָנגעוואָרן זיין מעלה אפילו ווען ער איז אַראָפּגעקומען זייער נידעריק, איז פאַרשטאַנדיק די ספּעציעלע שייכות פון פרשת המן צו שבת: אויך שבת האָט אין זיך די זעלבע תכונה — ס'איז אַן ענין נעלה ביותר, וואָס אויך קומענדיק למטה מטה פאַרבלייבט ער אין זיין עצמיות'דיקן מהות און מעלה [19]).

עס שטייט: „ויכולו השמים והארץ וכל צבאם", אַז בשבת שטייען „השמים והארץ וכל צבאם", די גאַנצע בריאה, אין אַ כליון צו דעם אויבערשטן („ויכולו" מלשון כליון, אויסגיין) [20]). מיינט עס אָבער ניט אַז עס ווערט אויס וועלט, נאָר אַז די וועלט ווי זי איז, ווערט נתעלה, דערהויבן אין דעם כליון. דערפאַר איז דער דין [21]): שבת מצוה לענגו באכילה ושתי', אַז דער תענוג וואָס אַ איד האָט פון דער אכילה ושתי' גשמיים אום שבת, ניט נאָר די אכילה ושתי' נאָר דער תענוג גופא, ווערט אַ מצוה. אין די וואָכן־טעג דאַרף מען עסן און טרינקען נאָר אויף אַזויפיל וויפל ס'איז נויטיק פאַרן קיום

---

17) הלכות ברכת ועונג שבת סקפ"ד.

*17) או שבה נצטוו על השבת.

18) שבת פו, ב.

*18) ראה גם לקו"ש חט"ז ע' 173 ואילך.

19) בשניהם — מן ושבת — היא אותה הנקודה: חיבור עליון ותחתון באופן שהעליון נשאר במעלתו והתחתון נשאר במציאותו, אלא שבשבת הוא עליית העולמות (במציאותם הם) למעלה, ובמן — המשכת העליון (במהותו) למטה. ואף שבירידת המן למטה נעשה מזון גשמי (ומגשם קצת, וכשהוצרך משה לקבל התורה לא אכל גם את המן כמו שנעשה מזון גשמי — רק כמו שהוא בדרגת לחם אבירים שמה"ש אוכלין אותו *) ולכן לא ירד המן בשבת, כי בזמן עליית העולמות א"א להיות הירידה למטה — מ"מ גם כמו שהוא בגשמיותו, מלובשים בו אורות העליונים ממש **). ואדרבה, דוקא משו"ז לא' ירד המן בשבת (שהעלי' היא רק בפנימיות העולמות, שלכן שארי ההשפעות, להיותם מבחי' חיצוניות, יורדים בשבת) ***) כי הוא המשכה פנימית. כמבואר בתו"א ויקהל פס, א־ב. ומטעם זה רק ירידת המן (למטה) לא היתה בשבת, אבל המן למעלה, עיקר המשכתו היתה בשבת, וכל שיתא יומין מתברכאן במן מיומא שביעאה (זח"ב סג, ב).

20) ראה ב"ר פ"י, ד. אוה"ת עה"פ ויכולו. וש"נ.

21) שו"ע אדה"ז ר"ס רמב.

---

*) תו"א קיג, ג. — ובתו"א יתרו (עד, א) ובלקו"ת במדבר (ז, ב) איתא, שגם לחם אבירים שמה"ש אוכלין אותו לא אכל איש זה משה. והוא עפ"י ב' הדיעות דר"י ור"ע יומא עה, ב. ויותר נכון (כי בש"ס משמע דלר"ע אכל איש קאי על כל בנ"י) עפ"י הדיעה אשר בשמו"ר פמ"ז, ה, ז. ואלו ואלו דא"ח. ואולי אפשר לתווך בין הדיעות, שנפקא מינה במשה עצמו בין כשלומד מן הקב"ה או כששונה לעצמו, שאז הוא במדריגת מלאך. ודו"ק בתו"א ובלקו"ת (ממכתב כ"ק אדמו"ר שליט"א מיום י"ד טבת תש"כ).

**) ע"פ מש"כ בד"ה והריחו לאדה"ז (בסי' אתהלך — ליאזנא) בענין הטל נראה דהמן למטה הי' מהות השפע דלמעלה.

***) ראה ג"כ לקו"ת פ' תזריע ד"ה למנצח על השמינית.

הגוף, און אויך דאַן דאַרף מען ניט אויסן זיין דעם תענוג דערפון, נאָר טאָן דאָס מצד ההכרח, ווייל דער תענוג איז מגשם; מה־שאין־כן בשבת, איז ניט נאָר וואָס דער תענוג איז ניט מגשם („פרש חגיכם קאמר ולא פרש שבתכם"[22]), נאָר אדרבה, דער תענוג אַליין איז אַ מצוה[23].

וואָרום דער אור פון שבת דרינגט דורך די גאַנצע בריאה, ביז אַז אפילו **אַ רשע גמור אינו משקר בשבת**[24], איז דאָך ניט דער טייטש, אַז שבת טוט ער תשובה און ער ווערט אויס רשע. דאָ רעדט זיך אויך וועגן אַזאַ וואָס בלייבט דער זעלבער ווי נעכטן, און פונדעסטוועגן זאָגט ער שבת ניט קיין שקר, ווייל דער אור פון שבת נעמט דורך אויך דעם תחתון ביותר.

און דעריבער, בשעת מען ווייסט ניט וועלכע פרשה מען דאַרף לייענען דעם שבת, לייענט מען פרשת המן דוקא: אַלע המשכות אין וועלט ווערן דאָך נמשך דורך תורה; וואָס דערפאַר, בכדי צו אויפטאָן אין וועלט דעם ענין פון שבת, אַז דער מטה זאָל ווערן דורכגעדרונגען מיטן אור פון שבת, איז אויב מען ווייס ניט דעם ענין בתורה וואָס איז מיוחד פאַר דעם צו דעם שבת דאַרף מען לייענען די כלליות'דיקע פרשה בהתורה וואָס אויף דעם[25] — די פרשה פון מן, ווייל אויך דער מן במעלתו העצמית האָט דערגרייכט ביז די נידעריקסטע מדרי־גות. אָבער אין די עשרת הדברות, אָדער אַן אַנדער פרשה פון דער תורה, כאָטש זיי זיינען זייער הויך, ווייזן זיי ניט אויף אַזויפיל אויף זייער אַראָפּקומען במעלתן כמו שהן למטה מטה.

ד. אַלע זאַכן פון וועלט נעמען זיך פון תורה. די צוויי סוגים פון לחם, לחם מן הארץ און לחם מן השמים (מן) זיינען פאַראַן אויך אין תורה, וואָס תורה ווערט אָנגערופן לחם[26]. און פון די צוויי סוגי לחם פון תורה, נעמען זיך די צוויי סוגי לחם בגשמיות.

די צוויי סוגי לחם אין תורה זיינען: גליא דתורה און פנימיות התורה. גליא דתורה הייסט לחם מן הארץ און פנימיות התורה — **לחם מן השמים**[27].

גליא דתורה הייסט לחם מן הארץ, צוליב די קושיות ומחלוקות וואָס זיינען אין דעם פאַראַן — ס'איז פאַר־בונדן מיט טרחה און יגיעה; פנימיות

---

22) זח"ב פח, ב.

23) ראה תו"א ר"פ חיי שרה. לקו"ת בלק עב, א. ד"ה והוא עומד עליהם תרס"ג וש"נ.

24) ירושי' דמאי רפ"ד — אף שבחול משקר וכו' דהיינו שהוא רשע גמור. — ומה שנראה במוחש שלפעמים משקר בשבת הוא מפני שיש לו כח הבחירה ויכול לבחור גם היפך טבעו וחזקה שלו (וכלשון הירושלמי (דמאי רפ"ד) והמפרשים „אומר אמת" „ירא מלשקר" וכיו"ב, ולא „אינו יכול לשקר"), אבל מצד טבע כל איש ישראלי, אפילו מצד טבע נפשו הבהמית דעם הארץ, אינו משקר בשבת. — וכן הוא גם בנוגע למן, דאף שהמזון שלהם אז, מצד טבעם, הי' לחם מן השמים שאין בו פסולת, מ"מ מצד כח בחירתם היו יכולים לקנות מתגרי אוה"ע מזון שיש בו פסולת (יומא עה, ב) ולהיות ניזונים ממנו (משיחת ש"פ עקב תשכ"ג).

25) עד"ז מצינו גם בתפלה שיש י"ב שערים מיוחדים לי"ב שבטים וכשאין ידוע השער וכו' — מתפלל ונכנס בשער הכולל וכו' (ראה לקו"א להה"מ (סקל"ג). שער הכולל בהקדמתו).

26) ראה שבת קכ, א. חגיגה יד, א. הקדמת ת"ז (א, ב). שם (בסופו) ת"ג (קמ, ב). ב"ר פמ"ג, ו. ועוד.

27) ראה ד"ה והי' כי תבוא תרס"ו. אר"ע אשריכם תרס"ז.

התורה הייסט לחם מן השמים — „דלית תמן לא קשיא כו׳ ולא מחלוקת כו׳״ [28]) (אין דעם איז ניטאָ קיין קושיות און מחלוקת).

מען דאַרף אָבער ניט מיינען: ווי־באַלד אַז פנימיות התורה ווערט אָנגערופן לחם מן השמים איז דאָס שייך נאָר צו יחידי סגולה; אויך פנימיות התורה, פונקט ווי דער מן, איז שייך צו אַלע אידן, אויך צו רשעים, אפילו צו רשעים אין פשוט׳ן טייטש — ווייל ניט נאָר וואָס עס וועט ניט ברענגען קיין שאָדן ח״ו, פונקט ווי דער מן וואָס אין בו פסולת, וואָס האָט ניט געבראַכט קיין שאָדן, נאָר אדרבה, צוליב דעם וואָס „תלמוד גדול שהתלמוד מביא לידי מעשה״ [29]), וועט דער לימוד החסידות געוויס פועל׳ן אַז סוף־כל־סוף וועלן זיי תשובה טאָן און ווערן לומדי תורה ומקיימי מצוות, וכהבטחת רז״ל [30]), אַז המאור שבה — דער מאור פון תורה, וואָס דאָס מיינט פנימיות התורה [31]) — מחזירו למוטב.

דערפאַר טאָר מען קיין אידן ניט אָפּרייסן ח״ו פון לימוד פנימיות התורה, אדרבה. מען דאַרף זיך משתדל זיין און ברענגען יעדן אידן צום לחם מן השמים, צו לערנען פנימיות התורה, ווייל דורך דעם וועט ער שנעלער קומען צום אמת האמיתי, ער וועט זיין „אינו משקר״, עס וועט ביי אים אַראָפּגענומען ווערן דער שקר פון עולם וואָס פאַרדעקט און לייקנט דעם אמת הוי׳, ביז אַז ביי אים וועט ניט זיין קיין מחלוקת צווישן נפש האלקית און נפש הבהמית; ביי אים וועלן ניט זיין קיין קושיות וספיקות כו׳, און ער וועט גיין בדרך המלך, מלכו של עולם.

ה. עס זיינען דאָ אַזעלכע וואָס טענה׳ן, אַז יענע אידן וואָס זיינען נאָך דערווייל ניט בבחינת צדיקים טאָר מען זיי ניט צולאָזן צו פנימיות התורה. דאַרף מען וויסן, אַז דערמיט וואָס מען באַווירקט אַ אידן צו לערנען פנימיות התורה — מחזירו למוטב, ברענגט מען אים סוף־סוף צו תשובה; און אויב מען פירט זיך פאַרקערט, איז ניט נאָר וואָס מ׳העלפט ניט יענעם צו ווערן העכער, נאָר אדרבה, מען איז אים ר״ל מדחה, ער זאָל ח״ו ווערן נאָך נידעריקער ווי ער איז.

און אַז מען וועט מאָנען ביים נדחה פאַרוואָס ער איז אַזוי נידעריק, וועט ער ענטפערן: „כי גרשוני היום מהסתפח בנחלת הוי׳״ [32]), מען האָט מיר פאַרטריבן פון זיין באַהעפט צו דעם אויבערשטנס נחלה; און מען וועט פאָדערן, אַז מען זאָל גוט בודק זיין דעם וואָס האָט אים מדחה געווען, צי ער איז פיינער און בעסער פון אים. נאָך מער: מען וועט מאָנען, אַז מען זאָל דעם מדחה ניט מעסטן אין פאַרגלייך צו די כוחות פון נדחה, נאָר לויט די כוחות פון מדחה.

(ווי אין חסידות ווערט ערקלערט דער פסוק [33]) „והאיש משה ענו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה״: משה רבינו האָט ביי זיך געטראַכט, אַז אויב אַן אַנדער איד וואָלט געהאַט אַזאַ הויכע נשמה און אַזאַ סייעתא

28) זח״ג קכה, ב. וראה אגה״ק סכ״ו.
29) קדושין מ, ב וש״נ.
30) איכ״ר בתחלתו. ירושלמי חגיגה פ״א, סה״ז.
31) קרבן העדה שם. וראה ג״כ תורת שלום ע׳ 232.
32) שמואל א כו, יט.
33) במדבר יב, ג.

דשמיא ווי ער, משה רבינו, האָט — וואָלט יענער געווען גרעסער פון אים).

מען דאַרף מאַכן קלאָר, אַז בשעת מען איז מונע אַ אידן פון לימוד התורה — תורת חיים, ובפרט ווען מען לאָזט אים ניט צו צו פנימיות התורה — אילנא דחיי[28]), איז מען ר״ל אַ הורג נפש בדקות, מען רייסט אים אָפּ פון דביקות באלקים חיים[34]).

ו. בכלל זעען מיר, אַז וואָס נענטער עס ווערט צו ביאת המשיח, אַלץ וויניקער ווערן די מחלוקות און די טענות אויף עניני החסידות. אַמאָל זיינען געווען טענות אויף חסידות גופא. היינט, ווען עס איז שוין נאָענט צו עלות השחר — שחרו של משיח, זיינען שוין ניטאָ קיין טענות אויף חסידות גופא. האָט זיך אָבער דער יצר הרע געכאַפּט אויף אַ נייער המצאה, נייע טענות: צו חסידות דאַרף מען האָבן הכנות, חסידות איז שייך נאָר צו יחידי סגולה וכו׳.

יעדער העלם והסתר האָט דאָך אין זיך אַ כוונה — און די כוונה איז, אַז מען זאָל אויסנוצן דעם העלם: ניט נאָר דאַרף מען פון אים ניט נתפעל ווערן, נאָר אדרבה, דער העלם זאָל פועל׳ן, אַז מען זאָל זיך שטאַרקן, בתוספות אומץ, אין לימוד והפצת החסידות[35]).

און בשעת דער יצר הרע וועט זען אַז דער העלם וואָס ער האָט געמאַכט, האָט נאָך געבראַכט אַ פאַרשטאַרקונג אין דעם לימוד און אין דער הפצה פון חסידות, וועט ער זיך איבערצייגן אַז עס האָט זיך פאַר אים ניט געלוינט, און גם אויביו ישלים עמו — ער אַליין וועט דעם העלם אַראָפּנעמען.

דער אויבערשטער זאָל העלפן, מען זאָל ניט נתפעל ווערן פון קיינע נסיונות און פון קיינע העלמות והסתרים, און אדרבה, זיי זאָלן נאָך צוגעבן אַ תוספות כח ואומץ אין הפצת המעיינות, און וואָס מער מען וועט טאָן אין הפצת המעיינות, אַלץ מער וועט מען מקרב זיין די גאולה שלימה ואמיתית למטה מעשרה טפחים, דורך משיח צדקנו, במהרה בימינו.

(מלוקט משיחות יו״ד שבט תשי״ז וש״פ בשלח תשכ״ג)

---

34) אין סתירה לזה ממרז״ל ע״ד ת״ת לתלמיד שאינו הגון (נוסף על שזהו גם בנוגע ללימוד הנגלה. ואדרבה) ועד״ז בזהר ובכתהאריז״ל ע״ד הכנות ללימוד פנימיות התורה — כמשנ״ת במ״א ובפרט במשנ״ת בדיוק הל׳ יפוצו מעינותיך חוצה. ועייג״כ הל׳ ת״ת לאדה״ז פ״ד, ס״ג וסי״ז. — ולהעיר ממשל הידוע דאבן יקרה שבכתר המלך הניתן דוקא לבן מלך המסוכן („התמים״ ח״ב ע׳ מט [עב, א]. אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ג ע׳ שכו ואילך).

35) ועי״ד המבואר בתניא פכ״ח, אגה״ק סכ״ה.

# שלח

א. אין פּרשת שלח דערציילט די תורה ווי די מרגלים האָבן געזאָגט, — און מיט זייערע רייד אָנגעשראָקן די אידן — אַז מען וועט ניט קענען איינעמען ארץ ישראל „כי עז העם היושב בארץ וגו׳״ (אַז שטאַרק איז דער פאָלק וואָס זיצט אין לאַנד), און דעריבער, האָבן זיי גע׳טענה׳ט, ווען מיר ניט קענען אַרויפגיין צו מלחמה האַלטן מיטן פאָלק, „כי חזק הוא ממנו״, און די חז״ל דערציילן[1]) אַז די מרגלים האָבן געזאָגט, אַז די יושבי הארץ זיינען שטאַרקער ח״ו („ממנו״ — פון אים) פון דעם אויבערשטן און „כביכול אפילו בעל הבית אינו יכול להוציא כליו משם״ (אַז דער „בעל הבית״ קען ניט אַרויסציען זיינע כלים פון דאָרט).

אַלע סיפּורים פון תורה זיינען דאָך אַ הוראה פאַר אונז אין אונזער עבודה בכל דור ודור, דאַרף מען פאַרשטיין: וואָס איז די הוראה פון דעם סיפּור המרגלים. אמת טאַקע, אַז מען דאַרף אונז דערציילן דעם סיפּור וועגן די מרגלים בכדי מיר זאָלן מתקן זיין די „בכי׳ לדורות״[1]) וואָס איז אַרויסגעקומען פון זייערע טענות, צוליב דעם איז דאָך אָבער ניט נוגע צו וויסן די אַלע פּרטים פון זייערע טענות און די פּרטים פון דעם ענטפער וואָס מען האָט זיי געגעבן.

אויך דאַרף מען פאַרשטיין, ווי אַזוי האָבן עס די מרגלים מיט אַזוינע טענות געקענט אָנשרעקן די אידן און זיי איינריידן אַז „לא נוכל לעלות״. אידן האָבן דאָך שוין דאַן געזען אַז דער אויבערשטער פירט זיי מיט נסים גלויים למעלה מן הטבע:

זייענדיק אין אַ מדבר „נחש שרף ועקרב״ — און דער מדרש דערציילט[2]) ווי מורא׳דיק די נחשים שרפים ועקרבים זיינען געווען — האָבן די אידן כסדר געזען דעם נס למעלה מן הטבע ווי דער ארון[3]) מיט די ענני כבוד[4]) הרג׳ענען אויס די נחשים כו׳. אַזוי איז עס געווען ביים אויסהיטן די אידן פון רע, און אַזוי איז עס אויך געווען בנוגע דער השפּעה פון טוב: טאָג טעגליך האָבן זיי געהאַט דעם מן, לחם מן השמים, צום עסן און מים פון בארה של מרים צום טרינקען, וואָס אין דעם אַלעמען זיינען דאָך געווען גאָר אַ סך אָפענע נסים שלמעלה מהטבע ווי ס׳איז מבואר אין מדרשים.

דאָס איז בנוגע דער נסים׳דיקער הנהגה מיט די אידן זייענדיק אין מדבר. אויך האָבן זיי געזען די איבערנאַטירלעכע נצחונות אין דער צייט פון מלחמה מיט אַן אַנדער פאָלק: ווען די מצריים זיינען אָנגעפאַלן אויף זיי, האָט דאַן דער אויבערשטער אַליין מלחמה געהאַלטן פאַר זיי און געשפּאָלטן פאַר זיי דעם ים, וואָס קריעת ים סוף איז דאָך איינער פון די גרעסטע נסים, ביז אַז חז״ל באַנוצן אויף דעם דעם לשון[5]) „קשה״. און ביי די אַלע זאַכן האָבן די אידן ניט געדאַרפט

---

1) סוטה לה, א רש״נ.

2) תנחומא בשלח יח. יל״ש רמז רנה. וראה מכילתא בשלח טו, כב.

3) יל״ש רמז תשכט.

4) מכילתא בשלח יג, כא. ספרי בהעלותך י, לד. במדב״ר פ״א, ב. תנחומא בשלח ג. ועוד.

5) סוטה ב, א. וראה להלן הערה 23.